ו. אין דעם שבת פאר שבועות לערנט מען דאך דער פרק ששי פון פרקי אבות, וואס דאס ווערט דאך אנגערופן "פרק קנין תורה", ווארום דאס איז כולו מוקדש צו דער חביבות און דער גדלות פון תורה, און דאס איז אין אן אופן אז ער דערציילט די מעלה און דער גדלות פון תורה, וואס דערפון קומט אניך ארויס ווי עס טויג ניט בשעת ס'דא דער שלילת התורה.

וואס לפי"ז דארף מען האבן אן עיון מיוחד אין דער צווייטע משנה פון דעם פרק, אדער ווי מ'וויל זאגן אז דאס זיינען ניט קיין משניות נאר אין דעם פרק זיינען זיי ברייתות, דארף מען פארשטיין אין דער צווייטע משנה אדער ברייתא, וואס ער זאגט דארטן "אמר רבי יהושע בן לוי בכל יום ויום בת קול יוצאת מהר חורב ומכרזת ואומרת אוי להם לבריות מעלבונה של תורה", וואס לכאורה איז דאס אינגאנצן ניט פארשטאנדיק, וואס ער זאגט גארניט פריער דער מעלה פון תורה און דער חביבות פון תורה און דערנאך זאגט ער "אוי להם לבריות מעלבונה של תורה", ער זאגט גלייך דעם ענין פון אוי להם לבריות מעלבונה של תורה, וואס ער האט פריער געדארפט זאגן מעלת התורה, און צו וואס דאס קען צו ברייגנען מיט די אלע מעלות וואס ס'דא בזה בכדי אז דער מענטש זאל וועלן לערנען תורה, און דערנאך האט ער געקענט זאגן אז אויב ניט, איז אוי להם לבריות מעלבונה של תורה, ע"ד ווי בשעת מ־וויל זאגן דעם ענין פון "תורתי אל תעזובו" זאגט מען פריער "כי לקח טוב נתתי לכם", אז דאס איז לקח טוב וואס דערפאר איז תורתי אל תעזובו, אבער דא ווייס ער גארניט וואס איז תורה, ער ווייס ניט די מעלות תורה, איז וואס זאגט מען עם די ערשטע זאך אוי להם לבריות מעלבונה של תורה? און אע"פ אז פריער אין דער משנה צו אין דער פריערדיקע ברייתא שטייט מעלת התורה אז דורך דעם ווערט ער נתעלה מיט די אלע פרטים, אבער אין דער בת קול שטייט דאס ניט, אין דער בת קול זאגט ניט אז ס'דא די פריערדיקע משנה וועלכע איז מבאר מעלת התורה, האט דאך אין דער בת קול אליין געדארפט עפעס זיין אן ענין וואס איז פריער מבאר מעלת התורה און דערנאך זאגן אוי להם לבריות מעלבונה של תורה?

ובפרט אז דא שטייט גאר דער לשון אוי להם לבריות, און ווי דער אלטער רבי איז מבאר אין פרק לב פון תניא וואס איז דער דיוק הלשון בריות, אז ער האט קיין שום אנדערע מעלה ניט מערניט דער ענין אז ער איז א בריאה פון דעם אויבערשטען, דאס איז דער איינציקע מעלה וואס ער האט אז דער אויבערשטער האט עם באשאפן.

וואס דאס איז ווי דער סיפור אין גמרא אז ר"א האט אמאל געטראפן אימיצער און האט עם געזאגט "כמה מכוער אדם זו", האט ער געענטפערט ר"א, לך לאומן שעשני, אז אזוי האט עם דער אויבערשטער באשאפן, אז ער האט דעם ענין וואס ער איז א בריאה פון דעם אויבערשטען, וואס לכאורה, וואס האט עם ר"א געפרעגט, וואס האט ער געהאלטן, און וואס האט עם יענער געענטפערט, נאר דער פירוש איז אז ר"א האט א קוק געטאן אויף דער מענטשען האט ער אפילו ניט געזען דער מעלה וואס יענער האט אז ער איז א בריאה פון דעם אויבערשטען וואס דערפאר האט ער געזאגט כמה מכוער אדם זו, וואס ר"א איז דאך געווען א תנא, און ער האט געקוקט אזוי ווי א תנא דארף קוקן, און אעפ"כ האט ער אין דעם מענטשען ניט געזען קיין מעלה אפילו ניט דער מעלה וואס ער איז א בריאה פון דעם אויבערשטען, וואס דערפון איז פארשטאנדיק אז יענער האט דאס ניט געהאט ווארום אויב ער וואלט דאס געהאט וואלט ר"א דאס געזען, מוז מען דאך זאגען אז אפילו דער ענין האט ער אויך ניט געהאט.

וואס דאס איז ווי מ'זאגט אז מ'האט געגעבן א אידן דער כח אז ער קען טאן וואס ער וויל, ביז אפילו דער ניצוץ קדושה וואס ער האט זאל ער טאן מיט דעם דעם היפך, וואס דאס איז דער ענין פון חתיכה נעשית נבילה, ווארום דאס איז דער בחירה וואס א איד האט אז אפילו דער ניצוץ קדושה וואס ער האט זאל ער אופטאן מיט דעם דער היפך, דער חתיכה נעשית נבילה, אז דאס ווערט גאר אן ענין פון היפך החיים, ניט סתם דער ענין פון נר רשעים ידח, וואס דאס איז מערניט ווי דער ענין פון דער נר רשעים אז דאס איז ידח אז דאס לייכט ניט אבער דער ענין איז פאראן, נאר דא רעדט

מען וועגען דעם ענין פון חתיכה נעשית נבילה, אז דער ניצוץ קדושה אליין ווערט א דבר האסור, ביז וואנעט אז דאס אסר'ט אנדערע וואס דאס איז דאך דער אויפטו פון רבי אפרים, דער "חתיכה נעשית נבילה".

און דערפאר האט ר"א געזאגט כמה מכוער אדם זו, ווארום אפילו דער מעלה אז ער איז א נברא פון דעם אויבערשטען, איז אפילו דער מעלה האט ר"א אויך ניט געזען אין עם, און ר"א האט דאס געזאגט ווארום עס האט עם פארהארט וואס עם דרייט זיך ארום אימיצער וואס האט ניט קיין תו"מ, און עס דרייט זיך ארום א מזיק, ווארום מ'קעניט זאגן אז ער האט קיין רע ניט געטאן, דעמאלט וואלט דאס גופא געווען א מעלה און ר"א וואלט דאס ניט געזאגט, און וויבאלד אז עס דרייט זיך ארום אימיצער אן קיין שום תורה ומצוות און אן קיין שום מעלה, און ער איז דאך ניט מקיים זיין שליחות וואס ער האט אויף צו מאכן א דירה בתחתונים און אלע ענינים זיינען ביי עם בהעלם, האט ר"א געזאגט כמה מכוער אדם זו, נאך וואס דארף מען האבן אזא מענטש.

און בשעת ר"א האט דאס געזאגט האט יענער גלייך געענטפערט "לך לאומן שעשני", אז ס'דא אן אומן וואס האט מיר געמאכט, ווארום די ווערטער פון ר"א האבן אנגערירט זיין נקודת היהדות ביז וואנעט אז דאס האט גע'פועל'ט אז ער זאל שרייען אז ס'דא אן אומן ווער האט מיר געמאכט וואס דאס האט ביי עם מגלה געווען דער מעלה אז ער איז באשאפן געווארן פון דעם אויבערשטען, און אע"פ אז ער אליין גלייבט ניט אין דעם תנא, ער האט ביז איצטער גארניט געגלייבט אין ר"א, איז פונדעסטוועגען דורך די נזיפה פון דעם צדיק וואס ער האט געהערט, איז כאטש אז ביז איצטער האט ער געטראכט אז עודנו ביהדותו, איז דאס האט גע'פועל'ט ביי עם אז ער זאל גלייך מכריז זיין אז ס'דא אן אומן און דער אומן האט מיר געמאכט און אט דער מעלה האב איך.

ביז וואנעט אז מ'קען קארניט וויסן ווער איז גרעסער, איי דאס וואס דא למטה איז דער תנא גרעסער פאר עם, איז דאס אלץ דא למטה אין עלמא דשיקרא, קען דאך זיין אז דאס איז דער שקר אזוי, ואדרבה, ווי די ענינים זיינען למעלה איז "כולם מתאימות" און ר"א איז גארניט העכער פאר עם.

און עס איז גארניט דא קיין אנדערע וועג ווי צו מגלה זיין דאס, ווארום לכאורה ווי קומט ר"א דורכפאלן אין דעם כביכול, נאר דאס איז דער איינציקע וועג ווי צו מגלה זיין אט דעם ענין ביי דעם מענטשען, אז עי"ז וואס ער זאל הערען די נזיפה פון א צדיק אז ר"א האט עם מבטל געווען לגמרי, איז דוקא דאס האט געקענט ביי עם מעורר זיין די נקודת היהדות אז עס זאל נתגלה ווערען ביז וואנעט דער מענטש זאל שרייען לך לאומן שעשני, אז ער איז א נברא פון דעם אויבערשטען.

וואס דאס איז אויך דער מעשה הידוע מיט'ן רבי'ן נ"ע, וואס עס איז אמאל אריין צו עם און האט געבעטן אויף א געוויסע ענין וואס ער האט געדארפט זיין א התעוררות רחמים ביותר, האט עם דעם רבי נ"ע געזאגט אז ער קען פאר עם גארניט טאן, איז ער ארויסגעגאנגען און האט אנגעהייבן וויינען, איז פאר ביי געגאנגען דער רז"א און האט געזען ווי דער איד וויינט, איז ער אריין צום רבי'ן נ"ע, דאס איז דאך געווען אין די ערשטע יארן, און האט עם געזאגט וואס פאר א סדר איז דאס אז יענער קומט דיר בעטן א ברכה זאגסטו עם אז דו קענסט גארניט ניט טאן און דו מאכסט עם וויינען, דאס איז עפעס ניט קיין סדר פאר דיר, האט דער רבי נ"ע אנגעטאן דעם שטריימעל, אזוי דערציילן חסידים, און האט דער מענטש צוריק אריין גערופן און האט עם געגעבן א ברכה און דערנאך איז דער ענין אראפ אין פועל.

וואס לכאורה פארוואס האט עם דער רבי נ"ע געדארפט זאגן אז ער קען גארניט טאן פאר עם, קענסט גארניט טאן, זאג פאר עם א קאפיטל תהילים, ווילסט עם ניט אפנארן איז זאג עם אז דו קענסט גארניט אן אבער ס'איז דאך אל תתיאש אדם אפילו בשעת חרב מונחת איז במילא זאלסטו ניט מיאש זיין און דערנאך גיי זאג א קאפיטל תהילים פאר עם, וואס מאכסטו עם וויינען.

נאר דער איינציקער וועג וואס מ'האט יענעם געקענט העלפן איז דוקא אז מ'זאל מאכן אז ער זאל אויף קיינעם ניט פארלאזן און ער זאל אליין בוכה זיין כלפי הקב"ה, און דוקא דורך דעם האט מען עם געקענט העלפן, נאר אזוי ווי עס איז געווען אזא וואס האט אויף זיך ניט געוואלט פארלאזן אויף זיך, איז דערפאר איז דאס געווען דורך דער אחיך הגדול, וואס דאס איז א דין וואס תורה האט גע'פסקנט אז כבד את אביך, את "לרבות אחיך הגדול", דאס איז א דין ע"פ תורה, און וויבאלד אז ער איז געווען דער אחיך הגדול, ווי עס זאל נאר ניט זיין אבער אזוי איז געווען לפועל אז ער איז געווען דער אחיך הגדול, איז ע"ז וואס ער האט געזאגט דעם רבי'ן נ"ע אז ניט דאס איז דיין דרך און ניט אזוי דארף זיין דיין סדר, איז דאס האט אויפגעטאן דער ענין ביי דער משפיע און ביי דער מקבל, ביז אז דער ברכה איז דערנאך מקוים געווארן.

וואס בנוגע צו דער פרקי אבות, איז וויבאלד מ'רעדט דאך וועגן אזעלכע וואס ווערן אנגערופן בריות, אז זיי האבן נאר די מעלה אז זיי זיינען באשאפן געווארן פון דעם אויבערשטען, ביז אז זיי אליין וויסן גארניט אז זיי האבן אט די מעלה, איז ווי קומט דאס אז מ'זאגט זיי גארניט פריער וואס איז תורה און וועגען די מעלה פון תורה, נאר מ'זאגט גלייך אוי להם לבריות מעלבונה של תורה? און אזוי אויך בנוגע דאס וואס מ'פירט דארטן אויס שכל מי שאינו עוסק בתורה נקרא נזוף, איז דער איינציקע ענין וואס וועט דער מענטש דערנעמען איז דאס וואס נקרא נזוף? וואס וויבאלד אז מ'רופט עם נאר "בריות" און קיין שום מעלה וואס ס'דא בתורה דערנעמט עם ניט אז ער זאל אנהייבן לערנען תורה, איז וואס וועט שוין אופטאן דער ענין וואס נקרא נזוף? דאס וועט אויף עם גארניט פועל'ן אז ער זאל לערנען תורה? מ'האט געדארפט זאגן אז אויב מ'לערנט ניט קיין תורה האט מען ניט די אלע מעלות וואס מ'האט אויב מ'לערנט תורה, וואס דאס וואלט אויף עם גע'פועל'ט אז ער זאל לערנען תורה, איז וואס זאגט מען נאר דער ענין פון נקרא נזוף?

נאר אט דא זאגט ער דער אויפטו פון א אידן, אז אפילו אזא וואס ס'נאר וואס מ'קען עם אנרופן בשם בריות, איז אפילו אזא מין איד דארף מען עם גארניט מבאר זיין די מעלת התורה ווארום ער ווייס דאס אליין, און מ'דארף עם נאר זאגן אוי להם לבריות מעלבונה של תורה, וכפי שיתבאר לקמן.